**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/28/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

# גאווערנער האוקול אנאנסירט 2.25 מיליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער צו פארבעסערן לאנג איילענד וואסער קוואליטעט און רעדוצירן פארפעסטונג

***לאנג איילענד סאונד שטודיע אינוועסטירונג צו העלפן שטיצן מולטי-יעריגע סעפּטיק סיסטעם פארבעסערונג פראגראמען***

***סטעיט פינאליזירט נעסאו קאונטי׳ס וואסער-אפשייד פלאן צו רעדוצירן נייטראַדזשען***

***באמיאונגען בויען אויף ראיאָן׳ס פארשריטן צו פארמיידן שעדליכע פארפעסטונג פון אפעקטירן באשעפעניש וואוין-ערטער און וואסער קוואליטעט***

גאווערנער קעטי האוקול און דער לאנג איילענד סאונד שטודיע האט היינט געמאלדן אן אנהייב סומע פון 2.25 מיליאן דאלער אין נייע פעדעראלע געלטער צוגעשטעלט דורך דעם ׳בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ׳ צו פארבעסערן די וואסער קוואליטעט אויף לאנג איילענד׳ס צפון ברעג, אין צוגאב צו דאס פינאליזירן א קריטיש-וויכטיגע פלאן צו העלפן נעסאו קאונטי רעדוצירן נייטראַדזשען פארפעסטונג. בויענדיג אויף גרויסע וויסנשאפטליכע פארפעסטונג-רעדוקציע פלענער און סטעיט ריינע וואסער אינפראסטרוקטור גרענטס אין די ראמען פונעם לאנג איילענד נייטראַדזשען אקציע פלאן, וועלן די צוויי באמיאונגען ברענגען צוגעלייגטע הילפס-מיטלען צו פאראויס-פירן באמיאונגען אויפצוריכטן און באשיצן לאנג איילענד׳ס טרונק-וואסער און בעיס.

״די דאזיגע פעדעראלע פאנדינג וועט פארבעסערן וואסער-אפשיידן און סעפּטיק סיסטעמען אין אומצאליגע לאנג איילענד קאמיוניטיס, און דורכדעם ווייטער פירן אונזער אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע, ריינע וואסער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אדאנק דעם ׳בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ׳ וועלן מיר ווייטער ארבעטן מיט פרעזידענטביידען און דער ׳ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אגענטור׳ אזוי ווי מער הילפס-מיטלען ווערן צוגעשטעלט אויף צו אדרעסירן די קריטיש נייטיגע וואסער אינפראסטרוקטור ארויספאדערונגען וואס אונזערע קאמיוניטיס האבן אויסצושטיין און ווייטער עררייכן אונזערע וואסער קוואליטעט פארבעסערונג צילן.״

די היינטיגע מעלדונג וועט העלפן אדרעסירן אנגעזאמלטע נייטראַדזשען, וואס פירט צו ערטער פון ׳דעד זאָונס׳ אדער ׳היפאקסיע׳ אין וואסערן, פאטענציעל אומברענגען פיש, שעדיגן אלגישע אויפבליאונג און שוואכער מאכן שטורעם ווידערשטאנד-פעאיגע זומפן. די 2.25 מיליאן דאלער היינט געמאלדן איז דער ערשטער טייל פון א מולטי-יעריגע ערווארטעטע צוזאמארבעט מיט׳ן לאנג איילענד סאונד שטודיע וואס וועט באדייטנד העכערן פאַנדינג פאראן צו ערזעצן פארעלטערטע סעפּטיק סיסטעמען אין סופאלק און נעסאו קאונטיס. במשך פינף יאר, וועט אן ערווארטעטע 8 מיליאן דאלער פונעם פעדעראלן ׳בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ׳ (BIL) העלפן שטיצן סטעיט און ארטיג געשטיצטע וואסער קוואליטעט פארבעסערונגען. די לאנג איילענד סאונד שטודיע איז א צוזאמגעארבעטע אונטערנעמונג אין וועלכע עס

זענען פארמישט פארשער, רעגולאטארן, באנוצער גרופעס און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, און ווערט געפירט דורך דער ״יו-עס ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אגענטור״ (EPA), ניו יארק און קאנעקטיקוט.

אין יאר איינס, וועט די שטודיע צושטעלן א 2.25 מיליאן דאלערדיגן גרענט צו דער סופאלק קאונטי ״ריקלעים אונזערע וואסערן״ אונטערנעמונג און נעסאו קאונטי׳ס סעפּטיק ענווייראנמענטאלע פראגראם צו פארבעסערן ריינקייט (S.E.P.T.I.C.) פראגראם דורך ניו יארק סטעיט. די סעפּטיק סיסטעם ערזעצונג פראגראמען פארבעסערן וואסער קוואליטעט דורך מוטיגן און באלוינען היים אייגנטימער׳ס ערזעצונג פון אפגאנג-גרובער און אומפונקציאנירנדע אדער אומפאסיגע סעפּטיק סיסטעמען. ניו יארק סטעיט וועט פארזארגן געלטער פאר סופאלק און נעסאו קאונטיס אויף צוריקצוצאלן בארעכטיגטע פראָפּערטי אייגנטימער פאר א טייל פון די קאסטן פון ערזעצן אפגאנג-גרובער און אומפאסיגע סעפּטיק סיסטעמען און אינסטאלירן מער ענווייראנמענטאל גינציגע סיסטעמען. היים אייגנטימער קענען באקומען געלטער פון סיי סטעיט און סיי קאונטי פראגראמען, רעזולטירנדיג אין וויניגסטנס 20,000 דאלער אין גרענטס אויף צו אינסטאלירן די מער ענווייראנמענטאל גינציגע סיסטעמען וואס פירן אוועק מער נייטראָדזשען ווי א געווענליכע סעפּטיק סיסטעם.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״ניו יארק׳ס לאנגיעריגע צוזאמארבעט מיט דער לאנג איילענד סאונד שטודיע, אונטערגעשטיצט דורך פרעזידענטביידען, EPA אדמיניסטראטאר רעגאן און אונזער קאנגרעסיאנעלע דעלעגאציע׳ס שטיצע פאר פעדעראלע ענווייראנמענטאלע קוואליטעט און קלימאט אינוועסטירונגען זעצן פאר ווייטער צו ברענגען רעזולטאטן. דורך דאס איינשפריצן געלטער פון דער פעדעראלער רעגירונג וועלן מיר קענען פארשנעלערן דאס אינסטאלירן סעפּטיק סיסטעמען אויף צו באשיצן וואסער קוואליטעט און אונזער ענווייראָנמענט און פארזעצן ווייטער אונזער ארבעט מיט נעסאו קאונטי אויף צו שטארק פארבעסערן וואסער קוואליטעט אויף פילע אופנים. לאנג איילענד׳ס וואסער קוואליטעט פראבלעמען זענען ערנסטע און דער סטעיט׳ס באמיאונג זיך איינצושאפן נאך פינאנצירונג צייגט געווערנער האוקול׳ס און DEC׳ס אנטשלאסנקייט צו אינוועסטירן אין ארטיגע רעגירונגען׳ס פירערשאפט אויף צו אדרעסירן וואסער קוואליטעט פראבלעמען און שאפן געזונטערע קאמיוניטיס.״

**״יו-עס ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אגענטור״ ראיאן 2 אדמיניסטראטארין ליסע עף. גארסיע האט געזאגט,** ״לאנג איילענד סאונד און אירע דערנעבנדע וואסערן זענען העכסט-נייטיג און קריטיש-וויכטיגע רעסאָרסן פאר מיליאנען מענטשן וואס וואוינען לענגאויס איינע פון די מערסט באוואוינטע בארטן-ליניעס אינעם לאנד. אדאנק פינאנצירונג צוגעשטעלט דורכ׳ן ׳בייפארטייזען אינפראסטרוקטור געזעץ׳, איז דער יו-עס EPA  באגייסטערט אנצופירן אן אנהייב אינוועסטירונג פון 2.25 מיליאן דאלער פון EPA לאנג איילענד סאונד שטודיע געלטער צו ניו יארק אויף צו שטערקער מאכן די געזונט פון אונזערע בארטן קאמיוניטיס. EPA׳ס פינאנצירונג וועלן ארויסהעלפן מיט גרינע אינפראסטרוקטור, שטראמען-ברעג און בארטן אויפריכטונג, און אפדעיט׳ען סעפּטיק סיסטעמען מיט נייע טעכנאלאגיעס אויף צו רעדוצירן נייטראָדזשען פארפעסטונג.״

**״יו-עס ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אגענטור״ לאנג איילענד סאונד אפיס דירעקטאר מארק טעדעסקא האט געזאגט,** ״רעדוצירן נייטראָדזשען פארפעסטונג אין דעם סאונד איז א לאנגיעריגע ציל פאר LISS. מיר זענען באגייסטערט צו נעמען דעם נעקסטן טריט דורך ארבעטן דירעקט מיט ארטיגע קאמיוניטיס צו העלפן פארזיכערן א געזונטערע סביבה.״

DEC האט אויך לעצטנס באוויליגט דעם ׳נעסאו קאונטי ניין קי עלעמענט פלאן פאר נייטראָדזשען׳. דער פלאן העלפט פאראויס-פירן באמיאונגען אויפצוריכטן און באשיצן די וואסער קוואליטעט פון די אונטערערדישע וואסער און עמבעימענטן ארום נעסאו קאונטי. איר אנטוויקלונג איז פינאנצירט געווארן

אין טייל דורך עם לאנג איילענד סאונד שטודיע און איז א צוזאמארבעט צווישן נעסאו קאונטי, DEC און סטאני ברוק אוניווערסיטעט׳ס סקול פון אטמאספערישע און וואסער וויסנשאפטן (SoMAS). די רעזולטאט איז א וויסנשאפט-געטריבענע פלאן צו רעדוצירן די מאס ניטראַדזשען וואס קומט אריין אין די וואסערן אין און ארום נעסאו קאונטי. סופאלק קאונטי האט פארענדיגט אן ענליכן ״ניין עלעמענט פלאן״ אין 2021.

דער נעסאו קאונטי ׳ניין עלעמענט פלאן׳ אידענטיפיצירט און באשטימט די צאל ניטראַדזשען קוועלער און ניצט מיטלען צו אנטשיידן די ענדערונגען אין ניטראַדזשען, וועדנדיג אויף פארוואלטונג פירונגען געשטעלט אין פלאץ. עס רעקאמענדירט א ברייטע ריי בעסטע פירונגען און שריטן וואס קענען איינגעפירט ווערן נאכצוקומען די ניטראַדזשען רעדוקציע צילן, אריינגערעכנט באהעפטן שטובער און ביזנעסער צו פובליק סוערס, רעדוצירן פערטילייזער באנוץ און ערזעצן פעלערדיגע סעפטיקס מיט אינאווירנדע אלטערנאטיווע אויפ׳ן-ארטיגע באהאנדלונגס סיסטעמען, צווישן אנדערע זאכן.

דער פלאן רעכנט אריין צוויי שריטן וואס ווערן יעצט איינגעפירט וואס וועלן אפ א באדייטנדע מאס ניטראַדזשען פון ווערן ארויסגעלאזט נאענט צום בארטן: דער ׳בעי פארק קאנוועיענס פראיעקט׳ און דער ׳לאַנג ביעטש דיווערסיע פראיעקט׳. דער ׳בעי פארק קאנוועיענס פראיעקט׳ איז א צוזאמארבעט צווישן DEC און דער נעסאו קאונטי דעפארטמענט פון פובליק ארבעטשאפט צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט און שטורעם ווידערשטאנד-פעאיגקייט אין לאנג איילענד׳ס מערב בעיס דורך אפגרעיד׳ען אירע עקזיסטירנדע מיסט-וואסער פארוואלטונג אינפראסטרוקטור. עס וועט פירן באהאנדלטע וואסער פון דעם ׳סאוט שאר וואסער ריקלעמעשען איינריכטונג׳ (פריער באקאנט אלס דער ׳בעי פארק סועדזש באהאנדלונג פאבריק׳), וואס גיסט איצט ארויס דורכשניטליך 50 מיליאן גאלאנען א טאג באהאנדלטע וואסער אינעם רעינאלדס טשענעל, צום סידער קריעק וואסער פארפעסטונג קאנטראל פאבריק׳ס (WPCP) דריי-מייליגע ים אויסגאס ראר דורכדעם אפפירנדיג דאס ארויסגאס צום רעינאלדס טשענעל. דער ׳לאַנג ביעטש מיסט-וואסער דיווערסיע פראיעקט׳ וועט איבערטוישן דעם לאַנג ביעטש מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק אויף א פאמפ סטעישען. מיסט-וואסער וועט גע׳פּאַמפּט׳ט ווערן פון פאמפ סטעישען צום ׳סאוט שאר וואסער ריקלעמעשען איינריכטונג׳ פאר באהאנדלונג. אין צוגאב איז דער ׳סאוט שאר וואסער ריקלעמעשען איינריכטונג׳ ווייט אונטערוועגנס צו א פולקאמע שטורעם ווידערשטאנד-פעאיגע אפגרעיד אונטערגענומען אן קיין שום קאסט צו ארטיגע ראטע-צאלער אדער נעסאו קאונטי.

**סענאטאר טשאַק שומער האט געזאגט,** ״איך האב לאנג געקעמפט אויף צו באשיצן לאנג איילענד׳ס ענווייראָנמענט און איינציגע-קוואל טרונק-וואסער אַקוויפער קעגן דער מכה פון ניטראַדזשען פארפעסטונג. איך האב געברענגט רעקארד געלטער אין אלע געגנטער צוריק קיין ניו יארק, אריינגערעכנט פאר טרונק און מיסט-וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן, און איך אפלאדיר גאווערנער האוקול און קאונטי עקזעקיוטיוו בעלאון פאר ווידמען פיל פון די פעדעראלע פינאנצירונג צו סוער פארברייטערונג און סופאלק קאונטי׳ס סעפטיק פארבעסערונג פראגראם. די אלאקירונג פון נאך 2.25 מיליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער איז אן איינשפריץ אין ארעם פאר דער באמיאונג אפצוהיטן לאנג איילענד׳ס וואסער-וועגן און פארזיכערן פובליק געזונטהייט.״

**נעסאו קאונטי עקזעקיוטיוו ברוס בלעיקמען האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך זייער זיך אנצושליסן בשותפות מיט גאווערנער האוקול אויף צו שטעלן די פעדעראלע געלטער צו א פאסיגן באנוץ אין העלפן באשיצן די וואסער-וועגן אויף לאנג איילענד. איך שעץ אויך די הילף פון סענאטאר שומער און אונזערע אנדערע פעדעראלע באאמטע וועלכע האבן געהאלפן פארזיכערן די העכסט-נויטיגע פאנדס.״

**סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאון האט געזאגט,** ״ווען איך בין אריינגעקומען אין אמט האב איך דערקלערט ניטראַדזשען איז פובליק שונא נומער איינס פאר אונזער וואסער. זינט דאן, האבן מיר

געמאכט ריזיגע פארשריטן, אריינגערעכנט דאס איינפירן די סופאלק קאונטי ׳ריקלעים אונזערע וואסערן׳ אונטערנעמונג, העלפנדיג באדייטנד רעדוצירן די מאס נייטראָדזשען וואס ווערט איינגעזאפט אין אונזערע וואסער-וועגן. איך וויל דאנקען ניו יארק סטעיט פאר זייער אנגייענדע שטיצע און פאר׳ן העלפן צושטעלן די געלטער אויף צו פארבעסערן לאנג איילענד׳ס וואסער קוואליטעט פאר פילע קומענדיגע דורות.״

**דר. קריסטאפער גאבלער, פראפעסאר אינעם סקול פון מארין און אטמאספערישע וויסנשאפטן (SoMAS) ביי סטאני ברוק אוניווערסיטעט, האט געזאגט,** ״דער שריט איז נאך א באווייז אויף וויאזוי ניו יארק סטעיט אינוועסטירט אין אירע טייערסטע אייגנטום: ריינע וואסער. די פראיעקטן וועלן באשיצן לאנג איילענד׳ס טרונק-וואסער סופליי און גלייכצייטיג אויך באשיצן איבערפלאך וואסערן און פארבינדענע וואסער און פרישוואסער פישערייען און וואוין-ערטער. טראצדעם וואס די קוואליטעט פון טרונק-וואסער און איבערפלאך וואסערן אויף לאנג איילענד גייט שויט ארינטער שוין צענדליגע יארן, האבן אבער די באמיאונגען געמאכט דורך ניו יארק סטעיט במשך די לעצטע עטליכע יאר און די דאזיגע אקציע אינאיינעם אנגעהויבן צוריקצודרייען אויף בעסערס פאר׳ן טובה פון היינטיגע לאנג איילענדער און צוקונפטיגע דורות.״

**׳סיטיזענס קאמפיין פאר דע ענווייראָנמענט׳ עקזעקיוטיוו דירעקטארין עדריענע עספאסיטא האט געזאגט,** ״דער נייער געלטער קוואל איז ווידער נאך א זיג אין דעם קאמף קעגן נייטראָדזשען פארפעסטונג און צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין דעם לאנג איילענד סאונד. היפאקסיע, רעד טייד, ראסט טייד און פיש אפשטארבונגען זענען אלע פארבינדן מיט א גרויסע מאס נייטראָדזשען פארפעסטונג. ערזעצן פארעלטערטע סעפּטיקס מיט נייע טעכנאלאגיע וואס באהאנדלט אונזערע סוּערס וועלן באשיצן אונזערע ביטשעס, בעיס און האוונס. די פרעצעדענטלאזע סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור וועט זיין א טובה פאר ארטיגע קאמיוניטיס וואס וועט אויף לאנג אנהאלטן. מיר דאנקען אונזערע סטעיט און פעדעראלע פירער וועלכע שטיצן ריינע וואסער.״

**די ׳נאטור קאָנסערוואַנסי׳ס׳ לאנג איילענד פּאָליסי ראטגעבער קעווין מעקדאנעלד האט געזאגט,** ״די ׳נאטור קאָנסערוואַנסי׳ לויבט אויס גאווערנער האוקול פאר׳ן ווידמען באדייטנדע נייע רעסאָרסן צו פארשנעלערן דאס אויפריכטן ריינע וואסער און געזונטע בארטנס אויף לאנג איילענד. נייטראָדזשען פארפעסטונג פון פארעלטערטע סעפּטיק סיסטעמס שעדיגן די באשעפעניש-וועלט, פארשליסט ביטשעס און דראעט אונזער עקאנאמיע, געזונטהייט און לעבנסשטייגער. די ׳נאטור קאָנסערוואַנסי׳ דאנקט די פילע פירער פון דער דאזיגער אונטערנעמונג און קוקט ארויס אויף ווייטער צו שטיצן און פאראויס-פירן די קריטיש נייטיגע אפהיטונג אינוועסטירונגען לענגאויס דעם גאנצן אינזל.״

רעקארד וואסער קוואליטעט אינפראסטרוקטור פינאנצירונג פון ניו יארק סטעיט שטיצט אויך ווייטער סעפּטיק ערזעצונג. מער לעצטנס, [האט גאווערנער קעטי האוקול אנאנסירט 30 מיליאן דאלער](#) פונעם סטעיט׳ס סעפּטיק ערזעצונג פראגראם - 22 מיליאן דאלער פון וועלכע וועט גיין פאר לאנג איילענד פראיעקטן — אויף צו העלפן אדרעסירן טויזנטער אונטער-סטאנדארטיגע אדער פעלערדיגע סעפּטיק סיסטעמס און אפגאנג-גרובער וועלכע זענען גורם באדייטנדע וואסער קוואליטעט אפשוואכונג אינעם ראיאן און לענגאויס דעם סטעיט. דער 2022-23 סטעיט בודזשעט גיבט ערלויבעניש פאר נאך 1.2 ביליאן דאלער, פאר א סה״כ 4.2 ביליאן דאלער, פאר דעם היסטארישן ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד׳ געזעץ. די היסטארישע איניציאטיוו באוויליגט דורך ניו יארקער ווילער מיט אן איבערוויגנדיגער מערהייט, וועט אָפּדעיט׳ען פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-ענדערנדע עמיסיעס; אויפריכטן באשעפעניש וואוין-ערטער; פארשטערקערן קאמיוניטיס ווידערשטאנד-פעאיגקייט קעגן שווערע שטורעמעס און פלייצונגען; אפהיטן אפן-לופטיגע ערטער און ארטיגע פאַרמס; און פארזיכערן גלייכקייט דורך אינוועסטירן לכל הפחות 35 פראצענט, מיט א ציל פון 40 פראצענט, פון הילפס-מיטלען אין קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן.

דער בודזשעט אנטהאלט אויך נאך 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט׳ס סך הכל ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017. דער בודזשעט אנטהאלט אויך א רעקארד 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד צו שטיצן קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג באמיאונגען, פארבעסערן אגריקולטורעלע מיטלען צו שטיצן שטאנדהאפטיגע אגריקולטור, באשיצן אונזערע וואסער קוועלער, ווייטער פירן קאנסערוואציע באמיאונגען, און צושטעלן פארוויילונגס מעגליכקייטן פאר ניו יארקער.

סעפּטיק פאנדינג גרענט פראגראמען און דער ׳ניין עלעמענט פלאן׳ זענען טייל פון א גרעסערער לאנג איילענד נייטראָדזשען אקציע פלאן, אדער LINAP, וואס איז א צוזאמארבעט צווישן DEC, דער לאנג איילענד ראיאנישער פלאנירונגס קאונסיל, און סופאלק און נעסאו קאונטיס אויף צו קאארדינירן נייטראָדזשען רעדוקציע באמיאונגען אויפ׳ן אינזל. LINAP איז אנטוויקלט געווארן אין אפרוף צו דאקומענטירטע וואסער קוואליטעט פראבלעמען צוליב א הויכע מאס נייטראָדזשען וואס לאזט זיך אריין אין דער ערד און אין די איבערפלאך וואסערן און האבן געמאכט באדייטנדע פארשריטן אין בעסער צו פארשטיין די קוועלער פון נייטראָדזשען און וויאזוי אמבעסטן צו רעדוצירן יענע קוועלער.

אויף זיך צו לערנען מער איבער דעם סופאלק קאונטי ׳ריקלעים אונזערע וואסערן׳ סעפּטיק פראגראם, שיקט אן אימעיל צו: septicdemo@suffolkcountyny.gov. אויף זיך צו לערנען מער איבער דעם נעסאו קאונטי סעפּטיק ענווייראנמענטאלע פראגראם אויף צו פארבעסערן ריינקייט (SEPTIC) פראגראם, באזוכט זייער וועבזייטל אויף: https://www.nassaucountyny.gov/5191/Nassau-Septic.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418